**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול נאך באגעגעניש מיט ווייסער הויז טשיעף אָוו סטעף דזשעף זיענטס**

"ארויפבויענדיג אויף מיינע אנגייענדע שמועסן מיט פרעזידענטביידן, סעקרעטאר מעיארקעס, סענאט מאיאריטעט פירער שומער און קאנגרעס דעמאקראטישע פירער דזשעפריס — האב איך זיך היינט געטראפן מיט דעם ווייסער הויז טשיעף אָוו סטעף דזשעף זיענטס צו רעדן איבער די נויט פאר נאך הילפס-מיטלען אין ניו יארק אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אויסהאלטן די אנקום פון צענדליגע טויזנטע פליטים.

איך האב אויסגעדרוקט אונזער דאנקבארקייט פאר די מער פון 135 מיליאן דאלאר אין הילף פארזיכערט דורך אונזערע פעדעראלע שותפים פאר ניו יארק סיטי, און איך האב ווידערהאלט אז מיר דארפן נאך שטיצע, אריינרעכנענדיג פעדעראלע לאנד צו נוצן אלץ שעלטערס און פעדעראלע געלטער זיך צו קענען אפגעבן מענטשליכערהייט מיט די מענטשן. און די וויכטיגסטע זאך, האב איך אונטערגעשטראכן די נויט פאר פעדעראלע שריט צו אונטעריאגן אפליקאציעס פאר אסיילום און פארלאנגען צו ווערן אויטאריזירט צו ארבעטן פאר מענטשן כדי זיי צו ערלויבן זיך צו שנעלערהייט איינגלידערן אין אונזער עקאנאמיע און אונזער געזעלשאפט.

מיר זענען דאנקבאר פאר פרעזידענטביידן און זיין מאנשאפט פאר זייערע באמיאונגען צו ארויסהעלפן אין די הומאניטארישע קריזיס, און מיר קוקן ארויס צו זעהן נאך שטיצע און צוזאמענארבעט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן